# משיחות ש״פ בשלח תשל״ד

ו. בנוגע די רש"י, ווערט מען דאס פארשטיין בהקדם א קשי' וואס כמה מפרשים שטעלן זיך אויף דעם, און רש"י איז גארניט מפ', און דאס איז:

אין פסוקים ו' און ז' שטייט אז משה און אהרן האבן אנגעזאגט אידן "ערב וידעתם וגו'", און "בקר וראיתם גו'", וואס דאס מיינט אז מ'וועט זיי געבן בשר און לחם, און שפעטער אין פסוק ח' ווערט ווייטער איבערגע'חזר'ט דעם זעלבן ענין, אז בערב וועט מען זיי געבן "בשר לאכול", און "לחם בבקר לשובע", ולכאו' פארוואס חזר'ט זיך איבער דער זעלבער ענין צוויי מאל?

עס זיינען דא מפרשים וואס ענטפערן, אז פריער האט מען דאס זיי געזאגט בכללות, אז זיי וועלן עפעס קריגען בערב און בבקר, און דערנאך האט מען אויסגעטייטשט בפרטיות, וואס זיי וועלן קריגן, אז בערב וועלן זיי קריגען בשר, און לחם בבקר,

מ'קען אבער ניט זאגן אז רש"י לערנט אויך אזוי, ווארום אין פשוטו של מקרא איז דאס ניט גלאטיק: מ'געפינט טאקע בכמה מקומות אז פריער זאגט מען א ענין בכללות, און דערנאך טייטשט מען דאס אויס בפרטיות, אבער דא וואלט מען דאך געקענט צוטשטעלן איין ווארט אין פסוק ו' - אז עס רעדט זיך וועגן בשר, און איין ווארט אין פסוק ז' - אז עס רעדט זיך וועגן לחם, און פארשפארן שרייבן א איבעריקן פסוק?

ונוסף לזה: זיי פארענטפערן ניט פארוואס דער פסוק חזר'ט איבער א צווייטן מאל די פרטים "בשמע ה' את תלונתיכם אשר אתם מלינים וגו'", ובפרט ווי מ'זעט אז רש"י איז מפ' בפשטות אין פסוקים ו' ז' אז ערב וידעתם גו' גייט אויף בשר, און ובקר וראיתם גו' גייט אויף לחם, (נאך אידער מ'קומט צו פסוק ח'), זעט מען דאך אז אויך אין די פריערדיקע פסוקים ווייס מען שוין אז עס רעדט זיך וועגן בשר ולחם, איז פארוואס דארף דער פסוק דאס נאכאמאל זאגן?

נאר דער ביאור בזה איז: די פסוקים ו' און ז', און פסוק ח', רעדן זיך וועגן צוויי באזונדערע ענינים. אין פסוקים ו' און ז' רעדט זיך וועגן דעם יחס והנהגה פון אידן מיטן אויבערשטן, זייערע תלונות על ה' - וואס בשעת עס רעדט זיך וועגן תלונות, איז דא ניט נוגע דער פרט פון בשר ולחם, ווען איינער זוכט צו טשעפן זיך, קען ער זיך טשעפען צו אלץ - און אין פסוק ח' רעדט

- זיך -



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ד א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 308 הודפס ע"י א

זיך וועגן די צרכים פון אידן, וועגן בשר ולחם,

און דערפאר קומען זיי אין צוויי באזונדערע אמירות,
וואָרום זיי זיינען צוויי באזונדערע ענינים,

וואס אין דעם עניך פון תלונות געפינט מען א דבר והיפוכו: פון איין זייט איז דאס א דבר בלתי רצוי, אבער לאידך גיסא, איז דאס גופא וואס זייך תלונה איז על ה׳, אז דער אויבערשטער זאל אים געבן, איז עס א דבר טוב. בשעת א איד זעט אז עס פעלט אים עפעס, דארף ער בעטן ביים אויבערשטן, און עס טאר ניט זיין דער עניך פון "כחי ועוצם ידי", און ווי דער בן חמש למקרא ווייס אז קודם התפלה טאר מען ניט טאן קיין עניך , נאר די ערשטע זאך וואס מען דארף טאן אינדערפרי איז שטעלן זיך דאווענען, וואס אין דאווענען בעט א איד אז דער אויבערשטער זאל אים געבן דעת, אז דער אויבערשטער זאל אים געבן פרנסה, א שנה טובה, וכו׳ וכו׳, און נאך דעם ווי ער האט געבעטן בא דעם אויבערשטן אויף די אלע זאכן, קען ער זיך עוסק זיין בעניני העולם, הנהג בהם מנהג דרך ארץ. פארוואס טאר מען זיך ניט עוסק זיין בעניני העולם קודם התפלה? איז עס מובן בפשטות: בא א אידן דארף זיין אפגעלייגט אז ברכת ה׳ היא תעשיר, ובמילא בשעת ער האלט נאך קודם התפלה און האט נאך ניט די ברכת ה׳, האט דאך ניט קיין ארט צו נייען א קעשענע נאך אידער מ׳האט וואס צו לייגען דארטן,

נאר דוקא נאכן דאווענען, וואס יעמולט קריגט מען די ברכה והשפעה מלמע׳, איז וויבאלד אז דער אויבערשטער דזיל אז א איד זאל מאכן א כלי בדרך הטבע, ארבעט ער אויך אויף יוצא זיין די כלי, אבער ער ווייסט אז ברכת ה׳ היא תעשיר, און דאס איז דער סדר בכל יום ויום,

ובמילא קומט אויס אין די תלונות על ה׳, וויבאלד אז אין טערויף איז דא א בקשה צום אויבערשטן, איז דאס א דבר טוב, נאר די טענה איז געווען אויף דעם וואס זיי האבן זיך מתלונן געווען אויף א זאך וואס זיי דארפן ניט, שלא כהוגן.

און וועגן די צוויי ענינים רעדט זיך אין פסוק ו׳ וז׳: "ערב וידעתם גו׳" - אויף דעם וואס זיי האבן זיך מתלונן געווען אויף א זאך וועלכע זיי דארפן ניט,שלא כהוגן; "ובוקר וראיתם גו׳" - אויף זייער תלונה אויף א זאך וועלכע זיי דארפן, וואס אין דעם איז דא א מעלה כנ"ל.

וואס אין בײדע ענינים איז דא ניט נוגע דער פרט פון בשר ולחם, נאר דער אופן התלונה, "שלא כהוגן" און "כהוגן", און דערפאר ווערט טאקע ניט דערמאנט אין די פסוקים בשר ולחם.

משא"כ אין פסוק ח׳, רעדט זיך וועגן די השפעה פון בשר ולחם וואס דער אויבערשטער האט געגעבן צו די אידן.

ועפ"ז וועט זייך פארשטאנדיק נאך א דיוק: אין פסוק ו׳ שטייט "ויאמר משה ואהרן וגו׳", אבער אין פסוק ח׳ שטייט נאר ויאמר משה וגו׳", ולכאו׳ - וואס איז דא דער שינוי?

נאר עפ"י הנ"ל איז דאס פארשטאנדיק, וואָרום בנוגע די הנהגה פון אידן איז נוגע אויך דער עניך פון אהרן, וכמבואר בחסידות

- ומוב

הנחת הת׳ בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ד א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 309 הודפס ע"י א

מובן אויך בפשטות, ווארום וויבאלד אז "הם המדברים אל פרעה גו' להוציא את בנ"י ממצרים", אז יצי"מ איז געווען דורך משה און אהרן, איז במילא אויך די הנהגה אין מדבר געווען דורך משה און אהרן,

בשעת עס קומט אבער צו די צרכים פון אידן, האט דאס א שייכות נאר צו משה, וואס דאס איז פארשטאנדיק בפשטות, ווארם משה איז געווען דער וואס האט אויף זיך גענומען די אחריות פון ארויס--גיין פון מצרים און ארייגגיין אין מדבר, איז בשעת עס האט עפעס בעפעלט ביי אידן, זיינען זיי געגאנגען צו משה, און משה האט זיי ממלא געווען אלע זייערע צרכים,

נאר אויב משה וויל - גיט ער די ענני הכבוד דורך אהרן; אויב ער וויל גיט ער מים דורך מרים, אבער אלע ענינים וואס אידן האבן געדארפט, האט זיי משה געדארפט געבן.

ביז אז אויך די צרכים וועלכע זיינען ניט שייך למדריגתו של משה - אזוי ווי בשר, וואס משה האט גע'טענה'ט "מאין לי בשר" - איז אויך די ענינים האבן געדארפט קומען פון משה'ן, ווארום וויבאלד אז "זה משה האיש אשר העלנו מארץ מצרים", האט ער גענומען אויף זיך די אחריות אויף צושטעלן אידן את כל צרכיהם,

אבער בנוגע צו די הנהגה פון אידן והחינוך שלהם, איז נוגע אויך אהרן, ואדרבה: אהרן איז געווען דער "אוהב את הבריות ומקרבן לתורה", און ער האט אדיינגעגעבן אין אידן די הכרה אזמיט אלע זייערע צרכים דארפן זיי זיך ווענדן צו משה'ן,

און דאס איז דער טעם פארוואס עס שטייט אין פסוק ד' "ויאמר משה ואהרן", משא"כ אין פסוק ח' "ויאמר משה", ווארום בשעת עס רעדט זיך וועגן דעם חינוך פון אידן, ווי עס דארף זיין זייער הנהגה מיטן אויבערשטן, גייט דאס דורך משה און אהרן; אבער בשעת עס רעדט זיך וועגן די צרכים פון אידן - בשר ולחם, קומט עס נאר דורך משה אליין.

ולפ"ז איז אויך מובן פארוואס רש"י איז משנה פון פסוק ז' צו פסוק ח', און אין פסוק ז' שרייבט רש"י אז זיי האבן געבעטן "מכרס מלאה", ווארום דא איז ניט נוגע [דער פרט פון בשר ובמילא איז אויך ניט נוגע] אז זיי האבן געהאט בהמות, דא רעדט מען בלויז וועגן דעם חסרון וואס זיי האבן געבעטן א זאך וואס זיי האבן ניט געדארפט, און דאס וואס רש"י זאגט אז זיי האבן געבעטן מכרס מלאה, דאס איז געווען די סיבה וואס האט געבראכט צו די תלונות [אי"ד בבירור], און ווי די גמ' זאגט וועגן עסן בכרס מלאה, און ווי עס שטייט "וישמן ישרון ויבעט",

משא"כ אין פסוק ח' וואו עס רעדט זיך וועגן דעם פרט פון בשר - דארט זאגט רש"י "שהרבה בהמות היו להם", און רש"י איז מקדים "שהרבה בהמות היו להם" פאר "שהי' אפשר להם בלא בשר" - ווייל דער עיקר טענה איז "שהרבה בהמות היו להם", אז זיי האבן געפאדערט אזא זאך וועלכע זיי האבן; און דערנאך איז רש"י מוסיף "ועוד", אז אפילו ווען זיי וואלטן ניט געהאט קיין בשר איז עס אויך "שלא כהוגן", ווייל "הי' אפשר להם בלא בשר",

- און -



הנחת הת' בלתי מוגה

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ד א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 310 הודפס ע"י א

און דאס וואס רש"י זאגט דא "מה ראה להוריד לחם בבקר ובשר בערב", איז דאס ניט בכדי צו מסביר זיין דעם עצם ענין - ווארום דאס ווייס מען פון דעם וואס רש"י האט געזאגט פריער, ובמילא פאסט ניט קיין שאלה "ומה ראה כו'" - נאר רש"י מיינט דערמיט צו מפרש זיין דעם המשך הפסוק "בשמוע ה' את תלונותיכם אשר אתם מלינים עליו", דלכאורה:

א) "בשמוע ה' את תלונותיכם גו'" איז דאך די סיבה אויף "בתת ה' לכם גו'", פארוואס זאגט דער פסוק פריער "בתת ה' לכם בערב בשר לאכול ולחם בבקר לשבוע", און ערשט דערנאך "בשמוע גו'"?

ב) וואס איז דער כפל פון "תלונותיכם" און "אתם מלינים עליו"?

אויף דעם זאגט רש"י אז מיט די ווערטער איז דער פסוק מסביר דעם טעם פון "מה ראה להוריד לחם בבקר ובשר בערב":

"בשמוע ה' את תלונותיכם", אז דער אויבערשטער האט געהערט - און האט אנגענומען - אייערע תלונות, איז א טעם אויף דעם וואס הוריד לחם בבקר; וויבאלד אז די שאלה אויף לחם איז געווען כהוגן; דערפאר איז "בשמוע ה' את תלונותיכם" און האט עס געגעבן בבוקר; "אשר אתם מלינים עליו" - וואס "מלינים" מיינט (ווי רש"י זאגט) "את האחרים", וואס דאס איז געווען די תלונה אויף בשר - איז א טעם אויף הוריד "בשר בערב", אז וויבאלד די תלונה איז געווען שלא כהוגן, "לפיכך נתן להם בשעת טורח שלא כהוגן",

וואס מיט דעם איז אויך פארשטאנדיק פארוואס רש"י איז מהפך דעם סדר הכתובים און שרייבט "ומה ראה לתת להם לחם בבקר ובשר בערב" - פריער לחם און דערנאך בשר, בשעת דער סדר אין די אלע פסוקים איז פארקערט, און ווי עס שטייט גלייך דא אין פסוק ח' - "בתת ה' לכם בשר בערב לאכול, ולחם בבקר לשבע", פריער בשר און דערנאך לחם, און דער טעם אויף דעם סדר איז פארשטאנדיק בפשטות, ווארום אזוי איז געווען דער סדר לפועל - פריער האט מען זיי געגעבן בשר בערב, און דערנאך איז געקומען דער לחם בבקר,

וע"פ הנ"ל מובן: ווייל רש"י גייט דא מפרש זיין ניט דעם טעם פון "בערב בשר גו' ולחם בבקר גו'", נאר ער איז מסביר דעם פירוש פון "בשמוע ה' את תלנותיכם אשר אתם מלינים עליו", און רעריבער איז ער מקדים "לחם בבקר" און דערנאך "ובשר בערב" ווייל פריער שטייט "בשמע ה' את תלנתיכם", דער טעם אויף "לחם בבוקר"; און דערנאך שטייט "אשר אתם מלינים עליו", דער טעם אויף "בשר בערב",

עס בלייבט נאך אבער די שאלה: פון וואנען נעמט רש"י "למדה תורה דרך ארץ כו'", מען קען דאך זאגן, אז וויבאלד ס'איז געווען שלא כהוגן האט מען זיי געגעבן בשר בלויז לאכול און ניט לשבוע?

איז אויך דער תירוץ אויף די שאלה מובן בפשטות:
ווייטער זאגט דער פסוק "ותעל השלו ותכס את המחנה", וואס בפשטות מיינט דאס אז די גאנצע מחנה איז געווען צוגעדעקט מיטן שלו, וויבאלד אז דער שליו איז געווען (ניט א דאריקע זאך, נאר) "שמן מאד", ווי רש"י זאגט, איז דאך פארשטאנדיק אז ס'איז געווען

- געגוג -

הנחת הת' בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ד א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 311 הודפס ע"י א

געניג אויך לשבוע, און דעריבער מוז רש"י זאגן אז "למדה תורה דרך ארץ", אז הגם אז דער אויבערשטער גיט טאקע מידו המלאה הפתוחה הקדושה והרחבה, אויך לשובע, דארף אבער א איד זיך מגביל זיין,

# משיחות ש״פ בשלח תשכ״ו

ד. עס איז ידוע אז ביי די רביים, פלעגן זיי זאגן חסידות בש"ק לאחר חצות אין דער צייט פון רעודכ"ר, וואס דאס איז דער טעם עפ"י פשוט, וויבאלד מ'זוכט דאך אין יעדער זאך א מקור אין נגלה און נאך מערער וואס ליכא מידי דלא רמיזי באורייתא, האט דאס אויך א מקור אין דער היינטיקער פרשה.

אין דער פרשה רעט זיך ווי די אידן האבן געהאט טענות אויף צוויי זאכן אויף לחם און בשר, זאגט רש"י אז לחם שאלו כהוגן, משא"כ דער ענין הבשר שאלו שלא כהוגן, און רש"י איז מסביר צוויי טעמים איין טעם, מצד דעם וואס זיי האבן דאך אליין געהאט בהמות, א צווייטען טעם, ווארום בשר איז נישט א ענין הכרחי.

עס איז פארשטאנדיק אז דער ענין וואס זיי האבן געטנה'ט אויף לחם ובשר איז געווען אין דעם א ענין רוחני, וואס דאס רעט מען דאך ביי א דור דעה, וע"ד ווי דער רבי דער נשיא טייטש אויס דער ענין פון רעבים גם צמאים נפשם בהם תתעטף, ד.ה. אז דאס וואס דער גוף איז רעב וצמא איז דאס מצד דעם וואס נפשם בהם תתעטף, אז דער נפש וויל די ניצוצות אויף מברר זיין, און פון דעם נעמט זיך אז דער גוף איז רעב וצמא, ועד"ז איז מובן דא אויך בהנוגע צו דעם וואס די אידן האבען געטנה'ט אויף לחם און בשר אז עס איז דא אין דעם א ענין רוחני.

דער ענין הלחם גייט ארויף אויף לימוד התורה, און דער ענין הבשר איז שוין די הרחבה אין תורה וואס דאס איז הבנה והשגה, דער ענין הלחם לימוד התורה איז מוכרח אבער דער הרחבה נישט.

דערפאר זעט מען אז דוקא לחם איז משביע ווי עס שטייט ואכלתם לחמכם לשובע, אז דוקא דורך לחם איז דא דער ענין השביעה, משא"כ ביי בשר, דאס וואס עס איז אזוי בגשמיות איז מצד דעם וואס אזוי איז דאס ברוחניות, וויבאלד אז ענין הבשר ברוחניות איז הבנה והשגה, און אין הבנה והשגה איז נישט שייך דער ענין השביעה וויבאלד אז תכלית הידיעה איז שלא נדעך, און ער מיינט אז ער פארשטייט פעלט דאס אין דער שכל.

לכאורה איז נישט פארשטאנדיק, בשעת די אידן האבן געטנה'ט אז זיי דארפן האבן בשר, וואס בשר מיינט מען דאך בשר בהמה, איז דא א סברא ווי עס ברענגט זיך בהלכה בהנוגע צו אין שמחה אלא בבשר, אז דאס איז דוקא בבשר בהמה נישט א עוף, ועד"ז ביי קרבנות איז פאראן אזעלכע וואס שטייט בשר און מ'דארף האבן דוקא בשר בהמה, ווי עס איז דא אויב אזוי, פארוואס האט מען זיי געגעבן דער ענין השלו, ווי רש"י טייטשט אפ מין עוף, וממ"נ, אויב מען האט זיי שוין נאכגעגעבן, האט דאך דאס געדארפט זיין ווי זיי האבן געבעטן אויף בשר בהמה?

<u>הנחה פרטית בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ו שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 241 הודפס ע"י אוצר

אויף דער ווארט שליו טייטשט רש"י מין עוף ושמן מאד, לכאו' רש"י איז דאך פשוטו של מקרא, וואס איז נוגע צו ברענגען אז ושמן מאד, דאס וואס רש"י ברענגט מין עוף איז נוגע אין פשוטו של מקרא אין דער טייטשט פון שליו אבער וואס איז נוגע אין פשש"מ דער ושמן מאד?

מילא די גמ' וואס די גמרא זאגט ושמן מאד, איז פארשטאנדיק, וויבאלד אז די גמ' איז נישט פשש"מ און דארטן ברענגט זיך אלע פרטים וועגן דעם, אבער רש"י פשש"מ וואס איז דאס נוגע?

רש"י קומט פארענטפערן אין פשש"מ די אויבענדערמאנטע קשי', ווי האט מען זיי געגעבן בשר עוף אנשטאט בשר בהמה, וואס רש"י האט פריער געזאגט הי' להם בהמות הרבה כו' וואס פונדעם קומט דאך אויס אז זיי האבן געמאנט בשר בהמה, און משה האט זיי צוגעזאגט ער וועט זיי געבען ווי זיי האבן געבעטן, אויב אזוי פארוואס עפעס האט ער זיי געגעבן בשר עוף?

אויפדעם קומט רש"י און שרייבט ושמן מאד, ד.ה. אז דער עוף האט געהאט אין זיך דער מעלה פון בשר אז דאס איז געווען שמן אזוי ווי בשר בהמה.

דער ענין פון בשר בהמה האט אין זיך א חסרון, וואס ווי דאס איז למע' איז דאס סומקא כו' וואס דערפאר בשעת עס קומט אראפ למטה איז דאס א ענין פון חומריות, און דערפאר איז אין שמחה אלא בבשר בהמה, וויבאלד אז דאס איז א ענין חומרי האט דער גוף פון דעם שמחה, קומט דאך אויס אז אין בשר בהמה איז דא דער חסרון וואס ער איז חומריות משא"כ בשר עוף האט נישט דער חסרון, און דערפאר האט ער זיי געגעבען דער שליו בשר עוף, וואס פון איין זייט האט עס געהאט די מעלה פון בשר וואס עס איז געווען שמן, און פון צווייטען האט דאס נישט געהאט דער חסרון פון בשר בהמה וואס איז חומריות.

עס רעט זיך ארום אז דער ענין השמן, גייט אויף חכמה, און דאס זאגט מען אז דער שליו האט געהאט א מעלה פון שמן דער ענין החכמה, און נישט סתם שמן נאהר שמן ביותר, ד.ה. אין חכמה גופא די העכסטע דרגות, און דאס איז וואס ער האט זיי געגעבן נאך מערער וויפיעל ער האט זיי צוגעזאגט, וויבאלד אז אין דער שליו איז געווען ביידע מעלות כנ"ל.

און ווי ער רעט ארום אין תרס"ו וועגען דער ענין פון לחם מן השמים ולחם מן הארץ אז דאס גייט אויף נגלה דתורה און פנימיות התורה, לחם מן הארץ נגלה דתורה, מן שמים פנימיות התורה, און דער ענין השליו איז אין פנימיות התורה גופא נאך א העכערע דרגא.

דער מן איז געגעבן געווארן בט"ו באייר וואס דאס איז געווען שבת, נאהר ער האט זיי געזאגט אז דאס וועלן זיי באקומען אויף מארגן זונטיק, משא"כ דער ענין השליו (דער ענין פון פנימיות התורה) איז אויך געגעבן געווארן יעמאלט, שבת, בערב, וואס פון בערב אליין וואלט מען געקענט מיינען אז דאס איז געווען במוצש"ק, אויפדעם שטייט בין הערביים אז דאס איז געווען פארנאכט וואס דאס איז געווען די צייט פון רעדכ"ר, וואס יעמאלט האט מען געגעבן דער ענין השליו כנ"ל וואס דאס איז די העכסטע דרגא אין פנימיות התורה גופא, און דערפאר פלעגן די רביים זאגן חסידות אין דער צייט.

דער ענין הלחם גייט אויף נגלה דתורה, ווארום לחם איז מל' מלחמה וואס נהמא אפום חרבא ליכול, און דאס איז דוקא אין נגלה דתורה וואס עס זיינען דא קשיות וסתירות כו' משא"כ פנימיות התורה, כאטש אז כללות התורה ווערט אנגערופן לחם, פונדעסטוועגן דער אמיתית ענין הלחם איז נגלה דתורה, און פנימיות התורה איז דאס דער ענין הבשר, שליו, וואס אין דעם איז נישטא א מלחמה, אן קשיות וסתירות, און דא דעט מען א דבר נפלא אז דער מן איז געווען אין א אופן פון מדידה וואס כאטש אז הממעיט לא החסיר וכו' פונדעסטוועגן איז געווען עומר עשירית האיפה, משא"כ ביי דעם ענין פון פנימיות התורה ויגז שלוים מן הים, און עס האט נישט געהאט מדידות והגבלות.

און ווי ער זאגט אין תו"א אז דא איז נישט געווען ווי אין פרשת בהעלותך וואס ויהי כל העם כמתאוננים, כאטש אז אויך דא איז געווען שלא הגון, פונסעסטוועגן איז דאס דורך געגאנגען גלאטיק, ווארום דער ענין וואס מען זאגט בקשו שלא כהוגן אויף בשר, איז דאס געווען קודם מ"ת, אבער לאחר מ"ת ובפרט איצטער איז אדרבה כהוגן וכהוגן, ווארום ווי דער אריז"ל שרייבט אז מצוה לגלות זאת החכמה, און דאס קומט אראפ צו

הנחה פרטית בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ו שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 242 הודפס ע"י אוצ

אוצר החכמה



יעדן איינציגן גלייך כנ"ל אז דער מן איז געווען במדידות משא"כ שליו, און דאס איז געווען מקטנם לגדלם, וואס דאס איז דער ענין פון הפצת המעיינות חוצה אז מ'נעמט דער מעין אליין וואס איז נאך העכער פון שמן, דער ענין פון פנימיות אבא פנימיות עתיק, דער תענוג ביותר, און עס קומט אראפ ביז חוצה.

און דאס דארף זיין אין א אופן פון יגיעה, כאטש אז דאס איז געווען מן השמים, ויגז שלוים כו' פונדעסטוועגן מוז מען אויך האבן אויפדעם יגיעה (נאהר ער האט אויך א סיוע מלמעלה) וכידוע אז דאס איז דער נפק"מ צווישן חסידי פוילין, חג"ת צו חסידי חב"ד איז, אז חסידי פוילין פארלאזען זיך אויף פלוני אז ער וועט לערנען און ער וועט דאווענען כו' משא"כ ביי חב"ד דארף זיין עבודת ויגיעת עצמו סיי בשעת מ'איז אוף, סיי בשעת מ'שלאפט, סיי בשעת מ'כאפט זיך אויף, און אפילו בין צווישן, און בעיקר נאכמיטאג אז עס דארף זיין דער ענין היגיעה, (און דוקא דורך דעם נעמט מען דער תענוג יותר)... ביז עס ווערט והי' הוי' למלך על כל הארץ כו' אויך דער דבר הוי', ביום ההוא כו' ושמו אחד.

אוה"ח 1234567